A WREATH of SONGS



אינהאלט

מ״ין דור	3
ערגעץ	4
די נאכט	5
〃 〃	6
זון אין מערב	7
א ניגון װי דן	8
העי צינגעלעך	9
הוליעט	10
אויף ד״ן פענסטער	11
עסניא יאנקא	12
אים קאד בי ע׳ װאנדערפול װארלד	13
דר״--געזאנגען	14
אױפן הויכן בארג	15
〃 〃 〃	16
דו פרעגסט?	17
דאס נ״ט ליד	18
א״בינג	19
א״בינג	20
האף און גלויב	21
נאר ברוים מיט מ״	22
שנעל לויפן די רעדער	23
מאסקװער אװנטן	24
אװנט - ליד	25
אַ הויכער בוים	26
〃 〃 〃 〃 〃 〃	27
שיראקא סטראנא	28
〃 〃 〃 〃 〃 〃 〃	29
עפנט טירן	30
ל״עלע	31
〃 〃 〃	32
די דאמע מיטן לאמפ	33
גאלדענע ליכטלעך	34
שטילער דאן	35
געזאנג	36
	37
װאולי	38
ב״ם פענסטער	39
אין דער פינסטער	40
לא אלשבר	41
נאך ניט אויסגעברענט	42
א בארװעסער יונג	43
מ״ן רויז פלאץ	44
לילה	45

איד און די וועלט ------------------ 46
כחל ים המים ---------------------- 47
און מיר זיינען אלע ברידער ------- 48
איינזאם ----------------------- 49
דאנא דאנא ---------------------- 50
אנטוישטע ליבע ------------------ 51
גאאינג האם --------------------- 52
וויג ליד ------------------------ 54
עס לעבט זיין גייסט ------------ 55
פון א בריוו פון מ.א.סול --------- 56
" " " " איטשע גאלדבערג --- 56
" " " " " , מאלעק --------- 56

לזכרון וואלטער נעלסאן ---------- 57
אונזער טאטע (אונזער פאטער) ------ 58
מיין פריינט און חבר וואלטער נעלסאן 59

זאל זיין (ליד) ------------------ 60
א גוטע נאכט ------------------- 61

קאנטענטס --------------------- 62
------------------------------ 63

זאמלבוך ארויסגעגעבן פון
מערי נעלסאן - .

"א גוטע ליד איז ווי א שטוב,
וואו עס ווילט זיך לאנג פארברענגען,
און ווען דו גייסט פון איר ארויס,
דו וועסט די שטוב נאך לאנג געדענקען"

(משה טייף)



MAIN DOR

Poem: A RAIZEN

Maxim Brodyn





איך האָב אים ליב מיין דור
מיין דור פון אידעאלן,
און ביז מיין לעצטן יאָר
זיין ליכט אויף מיר וועט פאלן
איך הער די דרייסטע רייד
כ'זע פלאמען אין די אויגן
און בא דער טיפסטער לייד
האָט איר זיך ניט געבויגן
איך האָב אים ליב מיין דור
וואָס האָט געקעמפט געליטן
און ביז אין מיין לעצטן יאָר
וועל איך זיין גלויבן היטן
און ביז די לעצטע טעג
איר מיינע פריינט און ברידער
און היטן אייער וועג,
געדענקען לאנג די לידער.



E*R*G*E*T*Z

MIRIAM LEVIN



ערגעץ וואַקסט אין פעלד א שטאַם
וואָס האָט מיין זיין מיט היינט פארקניפט.
ערגעץ וואנדערט אום א שטראל,
וואָס האָט ביים שוועל פון מיין
געבוירן מיך באגריסט.

ערגעץ יאָגט אין פעלד א ווינט,
וואָס האָט מיט אומרו מיך באגליקט.
ערגעץ וואנדערט אום א שטראל,
וואָס האָט ביים שוועל פון מיין געבוירן
מיך באגריסט.

DI NACHT

ווערטער און מוזיק
פרץ הירשביין

Arr: Zelda Zlatin



די נאכט זי קומט ביי נאכט צו מיר
שטילער שטיל זי זוכט די טיר.
עפן אויף איך קום נאך רו.
ניט וועק דעם טרויער ביי מיין טיר,
אין דרויסן הערט מען קלאפן טריט.
גראז און בוימער שלאפן ניט.
בארג און שטערן וואכן איצט
און אין מיין הארצן טרויער צייט



שטילער, שטילער גראָז און בוים
אין מיין הארצן שא און שטיל
וועקט די נאכט א שטילן טרוים
שטילער, שטילער גראָז און בוים
אין מיין הארצן וויינט די וועלט
אי לו לו, שלאָף איין וועלט.
לו לו לו שלאָף אין רו —
עס בענקט אזוי די וועלט נאָך רו
שטילער, שטילער גראָז און בוים
שטילער, שטילער שלאָף אין טרוים
אי לו לו לו לו....

זון אין מערב



זון אין מערב זעצט זיך גיך,
וואָס דאַרף נאָך אַ מענטש, ווי איך ?
לידער, קליינע לידער.

ניט פאַראַנען אויף דער ערד
נאָך אַ פרייד, ווי די וואָס ווערט
אויפגעדעקט דורך לידער.

ווער ווייסט מאָרגנדיקן טאָג ?
לידער, אַלץ וואָס איך פאַרמאָג,
זאָלן בלייבן לידער.

Zun in mariv zetzt zich gich,
Vos darf noch a mentch, vi ich?
Lider kleine lider,

Nit faranen oif der erd
Noch a freid vi di vos vert
Oifgedekt durch lider,

Ver veist morgndikn tog?
Lider altz vos ich farmog
Zoln blaibn lider,

A-N I G U N V I D U.

ביאַלאָסטאָצקי

M. Gelbart



ווען איך זאָל נאָר שטיל פאַרוויגן
כאָטש א ווײלע זיך אין רו.
וואָלט איך אויסגעשפּינט א ניגון
שטיל און צאַרט אַזוי ווי דו.
כ'וואָלט פון שאָטנס א וויג געשפּונען
און פאַרדעקט מיט הימל בלאָ,
און אין טראָפּנס טוי געפונען
ליכט פון אויסגעטרוימטער שעה.

נאָר מײן האַרץ פון ברי פון וואונדן
וואַרפט זיך תמיד הין און הער.
ברענט מײן ניגון אָנגעצונדן
און דו לעשט עס מיט דײן טרער.

טוט דײן ליבשאַפט מיך פאַרוויגן
קומט א שעה פון שטילער רו
כ'וועל נאָך אויסטראַכטן א ניגון
דײן און צאַרט אַזוי ווי דו.

העי, ציגעלעך

מ. געבירטיק

העי, ציגעלעך, קומט אַהער צו מיר געשווינד,
אַ שיין לידעלע וועל איך אויסזינגען אייך אַצינד.
פון אַ פּאַסטעכל הייבט דאָס לידעלע זיך אָן.
און אַ מיידעלע וואָס האָט כּישוף אים געטאָן. } 2

העי, ציגעלעך, הערט וואָס ווייטער איז געשען:
לוסטיק, לעבעדיק איז דאָס פּאַסטעכל געווען.
היינט ווי אומעטיק, קוקט די שעפעלעך ניט אָן,
בענקט צום מיידעלע וואָס האָט כּישוף אים געטאָן. } 2

העי, ציגעלעך, הערט פון לידעלע דעם סוף:
ווי יתומימלעך בלאָנדזשען איצט זיינע בידנע שאָף.
טיף אין טייכעלע ליגט דאָס פּאַסטעכל נאָך היינט
און דאָס מיידעלע זיצט ביים וואַסערל און וויינט. } 2

HEI, TZIGELECH

Gebirtig



Hei,tzigelech, kumt aher tzu mir geshvihd.
a shein lidele vel ich oiszingen eich atzind.
Fun a pastuchl heibt do lidele zich on.
Un a meidele vos hot kishuf im getun. (2

Hei,tzigelech, hert vos veiter is geshen
Lustig lebedig iz dos pastuchl geven.
Heint vi umendig kukt di sh efelech n it on
Benkt tzum meidele vos hot kishuf im geton.

Hei,tzig elech,hert fun lidele'dem sof:
Vi y esoimemlech blondzet itzt zeine shof.
Tif in teichele ligt dos pastuchl noch heint.
Un dos meidele zitzt beim vaserl un veint.

הוליעט-בייזע ווינטן

Huliet,Beize Vintn

Text:Raizen

Folksong



Huliet huliet bei-ze vin-tn frai ba-



hersht di velt. Raist di tzvai- gn



fun di bei-mer.Tut vos aich gefelt.

Traibt di fogl fun
di velder,
Un faryugt zei fort
Di vos kenen veit
nit flien -
Toit ze oifn ort.

Raist di ludn fun
di fenster
Shoibn brecht arois.
Brent a lichtl
ergetz tunkl
Lesht mit tzorn ois.

Huliet - beze vintn
Itzt is aier tzait.-
Lang vet doiern der
vinter,
Zumer is noch vait.

הוליעט(2)בייזע ווינטן,
פריי באהערשט די וועלט.
רייסט די צווייגן פון
די ביימער.
טוט וואָס אייך געפעלט.

טרייבט די פייגל פון די
צווייגן,
און פאריאָגט זיי פאָרט.
די וואָס קאָנען ווייט
ניט פליען,
טויט זיי אפן אָרט.

רייסט די לאָדן פון די
פענסטער,
שויבן ברעכט ארויס.
ברענט א ליכטל ערגעץ
טונקל.
לעשט מיט צאָרן אויס.

הוליעט(2)בייזע ווינטן
איצט איז אייער צייט.
לאנג וועט דויערן דער
ווינטער.
זומער איז נאָך ווייט.



OIF DAIN FENSTER

****

Words: Jacob Brodsky



Ich klem zich ain mit beide oign
Zicher,zicher dos bistu.
A foigele iz farbai gefloigen
Du bist mer nishtu,nishto

אויפן פאראנג פון דיין פענסטער
שוועבט דיין שאטן זיך ארום,
ווי א דינער פרילינג חלום
שפילט ער זיך ארום, ארום.
כקוק זיך איין מיט ביידע אויגן
זיכער זיכער דאס ביסטו -
א פויגל איז פארביי געפלויגן
דו ביסט מיר נישטא, נישטא.

РОЖДЕСТВЕНСКОГО

ПЕСНЯ ЯНКО

ФЛЯРКОВСКОГО

Умеренно *mf*



1. Ветерки в морях встречаются.
Чайки кружатся, печалятся.
Солона волна,
Тяжела волна,
Тяжелей печаль моя.

2. Чайки кружатся, печалятся,
Песня с песнею встречается.
Пусть гудит волна,
Всё равно слышна
Эта песенка моя.

3. Солнце тёплое и раннее,
Море тихое, бескрайнее,
Широко оно,
Только всё равно
Меньше, чем любовь моя.

IT COULD BE A WONDERFUL WORLD

Folksong



If each little kid could have fresh milk each
If each working man had enouph time for play
If each homeless soul had a good place to stay
It could be a wonderful world.

<u>Chorus</u>

If we could consider each other
A neighbor a friend or a brother.
It could be a wonderful wonderful world

DRAI GEZANGEN

Music: M. Yardeini

Poem: Ber Green



דרײ געזאנגען, דרײ געזאנגען,
זײנען ערשט פארבײ געגאנגען:
אין מײן הארץ איז ליכטיק-שטראליק
שנעל א זון דארט אויפגעגאנגען.

<u>צוזינג</u>

דרײ געזאנגען, דרײ געזאנגען דרײ געזאנגען
דרײ געזאנגען, דרײ געזאנגען דרײ געזאנגען.

דרײ אכצן-יעריקע געזאנגען,
אײנער פון דער צװײטער שענער
איך הער נאך אלץ װי עס קלינגען
זײער ליבע צויבער טענער. (<u>צוזינג</u>)

דרײ געזאנגען זײנען ערשט אין
קלארן טײך ארײנגעשפרונגען:
און פון אײן ברעג ביזן צװײטן
האט זיך אויך דער טײך צעזונגען. (<u>צוזינג</u>)

דרײגעזאנגען אויפן װאסער
שװימען װי בלויע קאיארן
מיט זײ שװימען אװעק די טרוימען
פון מײנע קינדער יארן. (<u>צוזינג</u>)

OIFN HOICHN BARG***

Ch.N.Bialik

אויף דעם הויכן בארג

Music
Mark Olf



אויף דעם הויכן בארג (ביאליק)

אויף דעם הויכן בארג, אויף דעם גרינעם גראז
האב איך קינדהייז שטום אפגעטרוימט מיין גליק...
וואס האב איך געוואלט - כ'חיים אליין ניט וואס, -
כ'ווייס נאר, אז זיס קומט קיינמאל מער צוריק.

אפשר ווייסט דער ווינט און דער זונענשטראל,
וואס האט מיר געשפריצט אין די אויגן גאלד,
און דער טיפער טאל און דער ריינער קוואל -
וואס מיין קינדערש הארץ האט אזוי געוואלט...

אויף דעם הויכן בארג,דארטן אויס דער שטאט,
אויף דעם גרינעם גראז האב איך זיך דערפילט...
כ'האב דארט שטילערהייט זיך געזעגן מיט גאט,
און מלאכים האבן זיך מיט מיר געשפילט.

אפשר ווייסט דער ווינט ...

גאנצע וועלטן-גייסט גיסט אין מיר אריין
יעדער שטיקל בלאז, יעדער זונענשטראל:
מיט דעם פולן מויל טרינק איך לופט און שיין
און אין הארצן טיף עפנט זיך א קוואל - -

אפשר ווייסט דער ווינט....

Oif dem hoichn barg,dortn ois der shtot,
Oif dem grinem groz hob ich zich derfilt..
C'hob dort shtilerheit zich gezen mit Got,
Un maluchem hobn zich mit mir geshpilt.

Dortn efnt zich gur a neie welt,
Ales budt zich docht in a yam fun licht
Fun ir futerfas kukt di zun un kvelt
Vi dos grezl vakst,vi der vorem kricht.

Gantze wltn gaist gist in mir arain
Yeder shtiler bluz, yeder zunenshtral;
Mit dem fuln moil trink ich luft un shain,
Un in hartzn tif efnt zich a kval.

Oif dem hoichn barg,dortn ois der shtot,
Oif dem grinem groz hob ich zich derfilt...
c'hob dortn shtilerheit zich gezen mit got.
Un maluchem hobn zich mit mir geshpilt.

AVRAM RAIZIN

DU FREGST

Music by
JOSEPH SHROGIN





דו פרעגסט : א.רייזען

דו פרעגסט מיך מײן פרײנט/ װי אלט איך בין שוין.
איך װאָלט עס דיר גערן דערצײלן.
דאָר גלויב מיר מײן פרײנט/ אז איך װײס ניט אלײן.
עס האָט ניט געלוינט זיך דאָס צײלן

דער קאַרגער צײלט געלט
און דער גליקלעכער טעג
מען צײלט װאָס איז ליב
װאָס איז טײער.
מײן לעבן א פרײנט
איז א פוסט לאַנגער װעג,
פונקט פאַראַיאָרן װי איאָר.

אויב לעבן מײנט לײדן
דאַן לעב איך שוין לאַנג
דאַן האָב איך גענוג זיי
די יאָרן.
אויב לעבן מײנט הערן
פון גליק נאָר א קלאַנג,
דאַן בין איך נאָך
גאָר ניט געבוירן

A.RAIZEN

דאָס נײַע ליד



H.Leivik EIBIK S.Secunda



אײביג (לײוויק - סעקאנדא)

די וועלט נעמט מיך ארום, מיט שטעכיקע הענט
און טראָגט מיך צום פײַער, און טראָגט מיך צום שײַטער.
איך ברען און איך ברען, און איך ווער ניט פארברענט,
איך הויב זיך אויף ווידער, און שפאַן אוועק ווײַטער.

איך שפאַן דורך פאבריקן און פאל אונטערן ראד,
איך רײַס אויף די דאמפן מיט קראַפט מיט באַנײַטער.
איך לײג מיך אוועק ווי א נײַער יסוד
איך הויב זיך אויף ווידער, און שפאַן אוועק ווײַטער.

אט שפאַן איך אײַן אין געשפאַן פון א פערד
און איבער מיר בײַטשט א דערצאָרנטער רײַטער
ווי אן אקער א שארפער איך גראָב דורך דער ערד,
איך הויב זיך אויף ווידער און שפאַן אוועק ווײַטער.

איך זײַ מײַנע לידער, ווי קערנער מען זײַט,
זײ וואקסן, זײ שפּראָצן, ווי קערנער און קרײַטער.
און איך אלײַן ליג ווי א דארן פארדרײַט,
איך הויב זיך אויף ווידער, און שפאַן אוועק ווײַטער.

איך וויין אין א תפיסה און רײַס אויף די צעל
און איבער מיר שפאַנט צו זײַן גליק גער באַפרײַטער.
און מיך לאָזט ער ליגן צעבלוטיקט אויף דער שוועל,
איך הויב זיך אויף ווידער און שפאַן אוועק ווײַטער.

אין בלוט מײַנע קלײדער, די פיס קוים איך שלעפּ,
און איך פון דער ווײַט דעם לעצטן געלײַטער.
איך קום צו א שטיבל און פאל אויף דער שוועל.
איך הויב זיך אויף ווידער, און שפאַן אוועק ווײַטער.

Peretz

HOF un GLOIB

Hirshin



האָף... נישט ווײַט איז שוין דער פֿרילינג
עס וועלן שמעטערלינגען שפּרינגען
נײַע נעסטן נײַע פֿײגל,
2} וועלן נײַע לידער זינגען.

די נאכט, די נאכט איז שוין פֿארשוואונדן,
און די וואָלקנס אויך צערונען –
בלוי, בלוי וועט זײַן דער הימל,
נײַע שטערן נײַע זונען.
נײַע רויזן, נײַע בלומען
וועלן בליִען וואקסן הויך –
עס וועט שײַנען, שמעקן זינגען
און אין אונזער ווינקל אויך – אויך...
האָף, האָף, האָף נישט ווײַט איז שוין דער
פֿרילינג ...

NOR BROIT MIT TEY...

Rosenfeld M.Brodyn



שנעל לויפּן די רעדער



ווערטער: דוד עדלשטאַט
מוזיק: יעקב שייפער

שנעל לויפּן די רעדער, ווילד קלאַפּן מאַשינען,
אין שאַפּ איז שמוציק און הייס,
דער קאָפּ ווערט פאַרטומלט, אין אויגן ווערט פינצטער,
פינצטער פון טרערן און שווייס.

איך פיל שוין בײַ זיך קיין גאַנצן אבר,
צעבראָכן, צעדריקט איז מיין ברוסט,
איך קען שוין פאַר ווייטיק מיין רוקן ניט בויגן,
בײַנאַכט לאָזט ניט שלאָפן דער הוסט.

ס'לויפט ארום דער מייסטער, אַ חיה אַ ווילדע,
ער טרייבט צו דער שחיטה די שאַפּ,
אַ, ווי לאַנג וועט איר וואַרטן, ווי לאַנג וועט איר דולדן,
אַרבעטער ברידער, וואַכט אויף.

MOSKVER OV'NTN



מאָסקווער אָוונטן

ניט קײן װינטל רױשט: ניט קײן פֿױגל פֿליט;
שװײגט דער גאָרטן ביז מאָרגן-פֿרי.
צי דען װײסטו, פֿרײנט, װי ס'איז טײַער מיר
שפּעטער אָװנט אין שטערן-גלי.
מאָסקװער

ס'פֿליסט דאָס טײַכל, שטיל, אַזש עס רירט זיך קױם:
פֿון לבֿנה טריפֿט זילבער שײַן;
און אַ ליד זיך טראָגט אין דעם װײַטן רױם
און מײַן האַרץ אין מיר הערט זיך אײַן.

װאָס זשע, טײַערע, קוקסטו קרום אַזױ?
אײַנגעפֿילט מיט צער איז דײַן בליק . . .
ס'איז מיר זאָגן שװער, און ניט זאָגן - שװער,
װאָס אין מײַן האַרץ אַזױ טיף מיר דריקט.

העלער, העלער װערט שױן אין מזרח-זײַט . . .
זאָג מיר ליבסטע, צו, גיב דײַן װאָרט:
ניט פֿאַרגעסן װעסט אָט-די זומער

אוונט - ליד

EV'NING SONG

Daniel Charney

Folksong



Vi shtil es iz gevorn,
Es vert di luft shoin kalt;

Zain lid hot shoin farendig;
Der nachtigal in vald.

S'vert tunkeler di lonke,
Es kumt di nacht tzugein.
Di vaisinke berioze,

Blaibt shtein in feld alein.

א,קום שוין שטילער
אוונט,
און וויג די פעלדער
איין,
מיר זינגען דיר א
לויבליד,
א,ליבער אוונט-שיין.

ווי שטיל עס איז
געוואָרן,
עס ווערט די לופט
שוין קאלט;
זיין ליד האָט שוין
פארענדיגט
דער נאכטיגאל
אין וואלד.

ס'ווערט טונקעלער
די לאָנקע,
עס קומט די נאכט
צוגיין;
די ווייסינקע בעריאָזע
בלייבט שטיין אין
אין פעלד אליין

A-HOICHER BOIM

Poem: Shike Driz

M.Polansky



Khotch men hot a halbe velt
Mit main blut fargosn,
Hundert mol geharget mich
Un toisent mol geshosn -
Doch hot nisht genumen mich
Kain faier un kain shverd
Un ot-o vi ir zet mich,
Vaks ich oif der erd -

Khotsh men hot tzehakt ba mir
Oif shpendlech di tzwaign
Farbrent zei oifn vint,es zol
Kain zhmenie ash nit blaibn -
Tsvitshern mir haint fegelech
"Gut morgn" inderfri...
Un ot-o vi ir zet mich
Leb ich un ich bli.
A HOICHER BOIM.
A sheiner boim,
A shtarker boim.

A hicher boim
A sheiner boim
A shtarker boim.

א הויכער בוים

פון שיקע דריז

כאָטש מען האָט א האלבע וועלט
מיט מיין בלוט פארגאָסן,
הונדערט מאָל געהארגעט מיך
און טויזנט מאָל געשאָסן -
דאָך האָט נישט גענומען מיך
קיין פייער און קיין שווערד
און אָט-אָ ווי איר זעט מיך,
וואקס איך אויף דער ערד -

א הויכער בוים,
א שיינער בוים,
א שטאַרקער בוים.
כאָטש מען האָט געהאקט ביי מיר
אויף שפענדלעך די צווייגן,
פארברענט זיי אויפן ווינט, עס זאָל
קיין זשמעניע אש ניט בלייבן -
צווישערן מיר היינט, פייגעלעך
"גוט מאָרגן" אין דער-פרי...
אין אָט-אָ ווי איר זעט מיך,
לעב איך און איך בלי,
א הויכער בוים...

כאָטש מען האָט נישט איינמאָל שוין
די הויט פון מיר געשינדן,
דעם מארך פון מיר אויסגעזויגן
געלאָזט אין הוילע וואונדן -
נאָר אויסקאָכטשען די וואָרצלען מיר
האָט קיינער ניט געקענט.
און אָט-אָ ווי איר זעט מיך,
לעב איך אויף דער וועלט -
א הויכער בוים...

Khotch men hot nisht einmol shoin,
Di hoit fun mir gesundn
Dem march fun mir oisgezoign,
gelozt in hoile vundn -
Nor oiskortshn di vortzlen mir
Hot keiner nit gekent
Un ot-o vi ir zet mich
Leb ich oif der velt -
A HOICHER BOIM

SHIROKA STRANA MOYA RODNAYA

Kymatsha ****************************** DUMAYEVSKO



От Москвы до самых до окраин,
С южных гор до северных морей
Человек проходит, как хозяин
Необъятной Родины своей.
Всюду жизнь привольно и широко,
Точно Волга полная, течет,
Молодым везде у нас дорога,
Старикам везде у нас почет.

Припев: Широка страна моя родная,
Много в ней лесов, полей и рек!
Я другой такой страны не знаю, } *2 раза*
Где так вольно дышит человек. }

Наши нивы взглядом не обшаришь,
Не упомнишь наших городов,
Наше слово гордое «товарищ»
Нам дороже всех красивых слов.
С этим словом мы повсюду дома,
Нет для нас ни черных, ни цветных,
Это слово каждому знакомо,
С ним везде находим мы родных.

Припев.

Над страной весенний ветер веет,
С каждым днем все радостнее жить,
И никто на свете не умеет
Лучше нас смеяться и любить!
Но сурово брови мы насупим,
Если враг захочет нас сломать,
Как невесту — Родину мы любим,
Бережем, как ласковую мать!

שיראָקאָ סטראנא מאיא ראָדינאיא
מנאָגאָ װניעי ליעסאָװ פּאָליעי אי רעק
יא דראָגאָי סטראנא ניע זנאיאָ.
גדיע טאק װאָלנאָי דעשיט טשעלאָװיעק.

E F N T   T I R N

Peretz Markish   J. SCHAEFER



עפנט טירן קומט אין דרויסן
עפנט פענסטער שפרייט זיי אויס.
נעמט אריין דעם גאסט דעם גרויסן,
קומט אנטקעגן אים ארויס.

הערט נאר ווי די צווייגן טרעשטשן,
און דער טייך ער שרייט און ברומט
הערט נאר פייפן הערט נאר שווישטשן,
קומט אין דרויסן גיכער קומט.

ס'איז היינט יום-טוב אין די גערטנער
אויף די גאסן אומעטום.
ס'איז היינט ליכטיק, זעט נאר, הערט נאר
ווי עס טאנצן ווינטן אום.

L E Y E L E

Poem: A.Gunter ************ Music: JOSEPH SHAPIRO



לייעלע

דריי סאָסנעס האָבן עס געזען
דריי שלאַנקע סאָסנע ביימער
שטומע ביימער ----
איצט וויגן זיי די קריינען
אף א גרוב מיט ביינער.
מ'האָט געבראַכט פון שטאָט א הער
קליינע קינדער שטילע ----
אויסגעטאָן זיי נאַקעטע
די העמדעלעך אפילו ----
א גרוב פאַר אלעמען
געווען איז אויסגעגראָבן
גרייט געשטאַנען איז פאַר אלע
גרייט געשטאַנען -----
נאָר די קלענסטע לייעלע
האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען.

לייעלע די שטיפערקע
האָט דעם קאָפ פאַריסן
ווער עס וואַרפט עס זאַמד אויף איר
ווייל די קליינע וויסן.
אירע דאַרע הענטעלעך האָט זי אויפגעהויבן
אַרויף צום גרעבער אויסגעצויגן
-אַ פּעטערל וואָס שיט איר זאַמד אין מיינע אויגן?
האָט פעטערל מיט שפּאָס געלאַכט
און געשאָסן פלינקער
מיר פאַר דיינע אויגעלעך
מיר פאַר דיינע פינגער.

דריי סאָסנעס האָבן עס געזען
דריי שלאַנקע סאָסנע ביימער
שטומע ביימער ----
זיי וויגן זיך און וויינען
זיי וויינען און זיי ברומען.
ניט קיין פעד פון בלעטער טריפט
נאָר בלוט פון נאָדל בלעטער
קינדער מיינע טייבעלעך
אויף אייביק לעבן וועט איר.

ווערטער: א. גאָנטער
מוזיק: יוסף שאַפּירא

EMMA LAZARUS

THE LADY WITH THE LAMP

MAX HELFMAN



GIVE ME YOUR TIRED, your poor,-your huddled masses yearning to breathe free-- the wretched refuse the wretched refuse of your teeming shore.

Send these, the tempest tossed, to me.
I lift my lamp,- I lift my lamp,- beside the golden door.

EMMA LAZARUS
****

GOLDENE LICHTLECH

WALTER NELSON



ביי דעם גרינעם טייכל שטייט אן אלטער בוים.
גיי איך מיר א יינגל,שפאצירן מיט מיין קרוין.
קומט דער ווינט מיר אנטקעגן, און פייפט די
די גאנצע צייט.

פונקען גאָלדענע לעכטלעך, צו ווייסט איר וואָס
דאָס באדייט.
וייטע גאָלדענע ליכטלעך איר שיינט פאר מיר
מיט פראכט.
צי ווייסט איר וואָס איך טראכט.

Shtiler Don



אוי, ווי שטאָלץ ס'איז שטילער דאָן,	האָסט צעבריזט זיך, שטילער דאָן,
שטילער דאָן, אונדזער פאָטערל,	שטילער דאָן, דו ברויט-געבער;
נישט גענויגט זיך פאַרן ווילדן טערק,	פון די טרערן, פון יעסומישע,

נישט גע[illegible]באַם ריס [illegible]ין אייצעס ניט. פון אַלמאַנעס פון פאַרלאָזענע.

Chana Safran

GEZANG



געזאנג פון לעבן (חנה סאפראן)

מיר זינגען דאָס געזאנג פון לעבן
מיר זינגען דאָס געזאנג פון פאָלק.
חלומות ליכטיקע מיר וועבן
קלאנגען זילבער קלאנגען גאָלד. }2
צוזינג
אָ,זינגט, צעקלינגט דאָס ליד,פון גלויבן!
דרינגט א דורך די קאלטע ווענט!
הערצער מוטיק שטים,דערהויבן
זינגט מיט פייער,זינגט מיט ברען.

מיר זינגען דאָס געזאנג פון ליבע,
דאָס ליד פון קאמף און צער און פרייד,
פון געטאָס פינצטערע געטריבן
און מאָרגנס זוניקע פארזייט.
אָ,זינגט, א.אז וו

מיר זינגען דאָס געזאנג פון דורות,
מיר זינגען דאָס געזאנג פון פריינט.
בטחון,מוט איז אונזער שורש,
דאָס ליד פון גלויבן - אונזער היינט!
אָ, זינגט, א אז וו

Mir zingen dos gezang fun lebn
Mir zingen dos gezang fun folk.
Chaloimos lichtike mir vebn,
Klangen zilber,klangen gold.

O, zingt tzeklingt dos lid fun gloibn
Dringt a durch di kalte vent.
Hertzer mutik shtim derhoibn. }
Zingt mit faier zingt mit bren. }2

Mir zingen dos gezang fun libe.
Dos lid fun kamf un tzar un freid
Fun getos finstere getribn.
Un morgns zunike farzeit. (O,Zingt...)

Mir zingen dos gezang fun doirois
Mir zingen dos gezang fun freint
B'tuchon, mut iz undzer fraint.
Dos lid fun gloibn unzer haint.
O, zingt....

V'ULAI

Rahel

J.Schertok



V'u-lai lo ha-yu ha-d'va-reem me-o-lam,
V'u-lai lo hish-kam-tee im sha-char la-gan,
L'av-do v'ze-at a-pai.
'e-o-lam b'ya-meem aru-keem v'yok-deem shel ka-tseer

ואולי לא היו הדברים מעולם, ואולי לא
השכמתי עם שחר לגן, לעבדו בזעת אפי.
לם בימים ארכים ויוקדים של קציר,

Baim FENSTER

Words: Yosl Cotler

Music by Max Mandelbaum



איך האָב איין פּאָר שיך
מיט 10 פּאָר לעכער,
זיץ איך באַם פענצטער
און קוק אַף די דעכער.

זע איך אינדרויסן
אַ שניי פאַלט אַרונטער,
אין הויז דאַרף מען קוילן,
באַהייצן דעם ווינטער.

מיין טאַטע זיצט ליידיק,
ער האָט נישט קיין שטעל,
דער לענדלאָרד שרייט דירע־געלט,
ער שינדט פון אים די פעל.

הונגעריק בין איך,
ס'לוסט זיך אַזש וויינען,
נעם איך אַ ביכל —
איז מיר צו קאַלט צו ליינען.

CHANA SAFRAN
״״״״״״״״״״״״

NOCH NIT OISGEBRENT

MELODY-FOLK-TUNE



O, di yorn flien flien
Nor dos licht es varemt kvelt.
Vifel shoen vifl hele.
Shtrekn ois zich tzu der velt.
S'alte,shvere cheshbn -mestl
S'alte zeigerl fun tzeit.
Ch'veis es hot a kishuf-kestl,
Vos shpilt ois di neie tzeit.

Nor der kishuf shtrat durch trern
Loiter klingt a neier ton.
Fun a velt vos halt in vern
ot dem ton ich troi dir on.

נאך ניט אויסגעברענט דאס פייער
ניט פארטריקענט נאך דער קחאל.
זינג א זינג חי קיינמאל פריער
זינג פון ליכט חאס חערט ניט מיד.
א די יארן פליען,פליען
נאר דאס ליכט עס חארעמט,קחעלט.
חיפל שעה'ן חיפל העלע
שטרעקן אויס זיך צו דער חעלט:

ס'אלטע שחערע
חשבון-מעסטל,
ס'אלטע זייגערל
פון צייט.
כ'חייס עס האט
קישוף-קעסטל
חאס שפילט אויס
די נייע צייט.

נאר דער כישוף שטראלט דורך טרערן
לויטער קלינגט א נייער טאן
פון א חעלט חאס האלט אין חערן
חאס דעם טאן איך טרו דיר אן.

FEFFER ARR:Gelbart.

A BURVESER YUNG FUN DI BLOTES

דער בארוועסער



א בארוועסער יונג פון די בלאטעס(2)
גיט א קוק אויף די פאלאצן
וואס שטייען דארט ניט ווייט.
ווער האט עס געבויט, ווער האט עס
ווער האט עס מיט ליים און ציגל באנייט.
א בארוועסער יונג פון די בלאטעס(2)
גיט א קוק אויפן ברויטל-היימיש און פריז
ווער האט עס פארזייעט פריש.
ווער האט עס: ווער האט עס פאר אייך געבראנ
א בארוועסער יונג...... אויפן טיש

גיט א קוק אויף די בריקן, וואס ציען זיך
וואס ציען זיך איבער דעם טייך.
ווער האט עס מיט שטאל און מיט אייזן.
ווער האט עס פאר אייך געמאכט אזוי גלייך...

M.Rosenfeld

מײן רוע פלאץ
MAIN RUE PLATZ

music:Unknow



Nit zuch mir dort vu foigl zingen
Gefinst mich dortn nit main shatz.
A shklaf bin ich,vu keitn klingen,
Dortn iz main rue platz.(2)

Nit zuch mich vu fontanen shpritzn,
Gefinst mich dortn nit, main shatz.
Vu trern rinen,tzeiner kritzn
Dortn iz main ru platz. (2)

ניט זוך מיך דאָרט,װאו מירטן גרינען!
געפינסט מיר דאָרטן ניט מײן שאץ;
װאו לעבנס װעלקן בײ מאשינען,
דאָרטן איז מײן ריע פלאץ(2)

ניט זוך מיך,װאו די פױגל זינגען!
געפינסט מיך דאָרטן ניט מײן שאץ;
א שקלאף בין איך,װאו קײטן קלינגען,
דאָרטן איז מײן רוע פלאץ.(2)

ניט זוך מיך,װאו פאנטאנען שפריצן!
געפינסט מיך דאָרטן ניט מײן שאץ;
װאו טרערן רינען,צײנער קריצן,
דאָרטן איז מײן רוע פלאץ (2)

Layluh לַיְלָה לַיְלָה

נתן אלתרמן

המנגינה: מרדכי זעירא

בשלוה אך בתנועה



לַיְלָה, לַיְלָה, הָרוּחַ גּוֹבֶרֶת
לַיְלָה, לַיְלָה, הוֹמָה הַצַּמֶּרֶת,
לַיְלָה, לַיְלָה, כּוֹכָב מְזַמֵּר,
נוּמִי, נוּמִי, כַּבִּי אֶת הַנֵּר.

לַיְלָה, לַיְלָה, עַצְמִי אֶת עֵינַיִךְ,
לַיְלָה, לַיְלָה, בַּדֶּרֶךְ אֵלַיִךְ,
לַיְלָה, לַיְלָה, רָכְבוּ חֲמוּשִׁים,
נוּמִי, נוּמִי, שְׁלשָׁה פָּרָשִׁים.

לַיְלָה, לַיְלָה, אֶחָד הָיָה טֶרֶף,
לַיְלָה, לַיְלָה, שֵׁנִי מֵת בַּחֶרֶב,
לַיְלָה, לַיְלָה, וְזֶה שֶׁנּוֹתַר
נוּמִי, נוּמִי אֶת שְׁמֵךְ לֹא זָכַר.

לַיְלָה, לַיְלָה, הָרוּחַ גּוֹבֶרֶת,
לַיְלָה, לַיְלָה, הוֹמָה הַצַּמֶּרֶת,
לַיְלָה, לַיְלָה, רַק אַתְּ מְחַכָּה,
נוּמִי, נוּמִי, הַדֶּרֶךְ רֵיקָה...

RAIZEN ICH UN DI VELT M. RAUCH



װען די גאַנצע װעלט
װאָלא לײדן,
מיר אלײן װאָלט גוט
זײן בלויז,
װאָלט איך דאן די װעלט
די גאַנצע
אײנגעלאַדן אין מײן הויז
איך װאָלט טרײסטן זי,
און צעכטלען:
און געזאָגט ניט זאָרג
זיך װעלט.
ביז זי װאָלט צו זיך
געקומען,
און זיך אויף די פיס
געשטעלט.

װען די װעלט געװען װאָלט
גליקלעך
איך אלײן בלויז פול מיטלײד
װאָלט איך דאן צו איר גע-
קומען
און געפאָדערט גיב מיר
פרײד
אָבער אז מיר בײדע לײדן,
סײ די װעלט און איך אלײן
האָט די װעלט ניט װאו צו
קומען
און איך האָב ניט װאו צוגײן

כָּחֹל יָם הַמַּיִם

נתן אלתרמן

KACHOIL YAM HAMAYIM

המנגינה: נחום נרדי



כָּחֹל יָם הַמַּיִם,
נָאוָה יְרוּשָׁלַיִם,
אוֹרִים הַשָּׁמַיִם
עַל נֶגֶב וְגָלִיל.

הַשֶּׁמֶשׁ, אוֹרִי לָנוּ, אוֹרִי
הַמַּחֲרֵשָׁה, חִרְשִׁי, עִבְרִי,
עִבְרִי בְּתֶלֶם וַחֲזֹרִי,
עַד לַיְלָה־לֵיל יַאֲפִיל.

שִׁיר, שִׁיר, עֲלֵה־נָא,
בַּפַּטִּישִׁים נַגֵּן, נַגְּנָה,
בַּמַּחֲרֵשׁוֹת רַנְּנָה,
הַשִּׁיר לֹא תַּם,
הוּא רַק מַתְחִיל.

Un Mir Zeinen Ale Brider
****

Arr:
M.Brodyn

Text:Morris Vintshevsky
****



און מיר זיינען שוועסטער ברידער/יא,יא ס.ב.
און מיר זינגען פריילעכע לידער/ יא,יא,יא.
און מיר האלטן זיך אין איינעם/יא,יא,י.י.
אזעלכעס ניטא ביי קיינעם. יא יא יא.
לא לא לא..................
און מיר זיינען אלע איינינג / יא..אלע איינינג
צי מיר זיינען פיל צי ווייניק, יא יא יא...
און מיר לעבן זיך דאך אלע/ יא,יא זיך אלע
א חתן מיט זיין כלה/ יא יא יא
לא לא לא ::.......::::.......::::.....

A I N Z A M

Text :Manger

Sostenuto

Arr: Zelda Zlatin.



קיינער ווייס נים וואָס איך זאָג,
קיינער ווייס ניט וואָס איך וויל.
זיבן קעצעלעך מיט אַ קאַץ
שלאָפן אויפן דיל.

זיבן קעצעלעך מיט אַ קאַץ,
זיינען, דאַכט זיך — אַכט.
טו איך אָן דעם קאַפּעליוש
און זאָג: אַ גוטע נאַכט.
טו איך אָן דעם קאַפּעליוש
און איך לאָז זיך גיין.
אַוואו־זשע גייט מען שפּעט
ביינאַכט
איינינקער אַליין?

שטייט אַ קרעטשמע ביי דער זייט
און ווינקט צו מיר: דו יאָלד!
כ'האָב אַ פּעסעלע מיט וויין,
אַ פּעסעלע — מיט גאָלד.

עפן אויף איך ברייט די טיר
און איך פאַל אַריין.
אַ גוט מאָרגן אַלע איך,
ווער איר זאָלט ניט זיין.

קיינער ווייס ניט וואָס איך זאָג,
קיינער ווייס ניט וואָס איך וויל.
צוויי שיכורים מיט אַ פלאַש
ליגן אויפן דיל.
צוויי שיכורים מיט אַ פלאַש,
דאכט זיך, זיינען דריי.
זיין אַ פערטער דאָ צום שפּיל
לוינט זיך? ניט כדאַי!

טו איך אָן דעם קאַפּעליוש
און איך לאָז זיך גיין.
אַוואו זשע גייט מען שפּעט
ביינאַכט
איינינקער אַליין?

Tzeitlin **D A N A D A N A** Secunda.



אויפן פארל ליגט דאס קעלבל
ליגט געבונדן מיט א שריק,
הויך אין הימל פליט א שוועלבל,
פרייט זיך דרייט זיך, הין און קריק:

שרייט דאס קעלבל, זאגט דער פויער
ווער זשע הייסט דיר זיין א קאלב.
וואלסט געקערט זיין דאך א פויגל
וואלסט געקענט זיין א שוואלב.

בידנע קעלבער טוט מען בינדן
און מע שלעפט זיי און מען שעכט,
ווער ס'האט פליגל, פליט ארויפצו,
איז ביי קיינער ניט א קנעכט.

לאכט דער ווינט אין קארן
לאכט און (8)
לאכט ער אפ א
טאג א גאנצן,
מיט א האלבער
נאכט.
דאנא דאנא (6)

ANTOISHTE LIBE

Folksong



Er hot mir geshikt a ringele
Ich zol es trogen oif mein finger.
Ver es hot nor shuld in unzer libe
Der zol oisgein fun hunger...

Er hot mir geshikt a zeigerl
Mit a goldenem veiser.
Ver es hot nor shuld in unzer ibe
Der zol gein in di heizer.

ר'האָט מיר געשיקט אַ רינגעלע
איך זאָל עס טראָגן אויף מיינע פינגער.
ווער עס האָט נאָר שולד אין אונדזער ליבע
דער זאָל שטאַרבן פון הונגער.

ר'האָט מיר געשיקט אַ זייגערל
מיט אַ גאָלדענעם ווייזער.
ווער עס האָט נאָר שולד אין אונדזער ליבע
דער זאָל גיין אין די הייזער.

GOIN' HOME

Anton DVORAK



**VIG LID

Hirshin

Kahan

Adaptation Schaeffer



ס'האט דאס ווינטל זיך געשטילט,
אוונט האט די ערד פארהילט,
שטערנדלעך מיט זייער שיין
ווינקען דיר שלאף איין, שלאף איין.

פאר דיין גורל שרעק זיך נים.
איך, דיין מאמע, היט דיך היט.
איך, דיין מאמע, זינג דיר צו
אי ליו, ליו, ליו.....

ווער עס ווייסט פון נויט און פיין
דארף די נאכט א רו אים זיין,
אלץ וואס אטעמט אף דער ערד,
שלאף שוין זיס און אומגעשטערט.

ס'דרעמלען פייגל, בלום און ווינט
רו און שלאף דו אויך מיין קינד:
איך היט אפהיטן דיין רו
איי ליו, ליו, ליו ......



א. רײזען

KIRCHN GLOKN

SCHAEFER



א״ערע טענער דארצעך רופן
צו פארברענען מענטשן גופן.
אויף די הויכע עשאפאטן -
וואס איר האט געשטעלט.

Ai-re tener dachtzach rufn
Tzu farbrenen mentchn gufn,
Oif di hoiche, eshafotn -
Vos ir hot geshtelt.

עס לעבט זיין גייסט

(אין אָנדענק פון פּראָגרעסיוון קולטור-טוער און זינגער וואָלטער נעלסאָן די פּערן געווידמעט)

דאָס גייַסטיקע אין מענטשן קאָן דער טויט ניט
  פאַרניכטן,
ער קאָן בלויז פיזיש א קערפּער פאַרשלינגען,
און אויך ניט די ערד קאָן פאַרשליסן, פאַרשטומען
די נשמה וואָס שוועבט מיט איר גייסטיקן זינגען.

ווען עס לערנט דער מענטש נאָר איינעם בוך פון אמת,
און גייט אויפן וועג וואָס איז ריכטיק און זיכער,
ווערן די "צייכנס פון פינגער" א מאָנומענט פאַרן לעבן
אין דער ביבליאָטעק – אויף די געלייענטע ביכער...

עס האָט טויט ניט קיין שליטה אויפן גייסטיקן לעבן.
ער מוז פון ערגעץ אנדערש זוכן זיין קרבן,
ווייל דער וואָס באַרייכערט דעם גייסט פונעם מענטשן,
איז אפילו נאָכן טויט אויך ניט געשטאָרבן!

ס'וועט לעבן פאַר אונז וואָלטער נעלסאָן דער געטרייער
  מענטשן פריינט
וואָס פלעגט שטענדיג פאַר קולטור און שלום שטרעבן.
ער איז אוועק פון אונז פיזיש – זיין קערפּער וועט
  אין אייביקייט רוען,
נאָר זיין גייסט אלס קולטור – מענטש לעבט און וועט
  לעבן!

סעם ליפּצין

[illegible]
[illegible]
[illegible]

אברהם-סעם און אַנדזשעלאַ ליפּצין

פון א בריוו פון מ.א. סול

מיין טייערע מערי:

וואו געפינט מען א טרייסט וואָרט אויף אזא גרויסן פארלוסט? וואָלטער איז געווען איינער פון די פיינסטע מענטשן וואָס איך האָב געקענט. אויף זיין שפילן און באשיידענעם וועג האָט ער געמאכט זיין ווירדיגן ביטראָג צו דער פראָגרעסיווער באַוועגונג וואָס איז געווען זיין לעבן. ער איז געווען פאר דיר נישט נאָר א איבערגעגעבענער מאן, נאָר אויך א געטרייער מיטקעמפער אין דער זאך צו וועלכער איר האָט ביידע געווידמעט אייער לעבן - א בעסערע וועלט און א וועלט פון שלום. און טאָקע אין דעם געדאנק וואָס דו וועסט פאָרזעצן דעם שיינעם וועג וואָס איר זענט געגאנגען צוזאמען, נישט נאָר אין דיין נאָמען נאָר אויך אין זיינעם, ליגט די טרייסט.

איזאבעל און איך נעמען דיך האַריק ארום.

""

פון א בריוו פון איטשע גאָלדבערג

--- עס האָט פון איצט אלע מאָל געשטעמט מיט וואַרעמער מענטשלעכקייט, און גוטסקייט - וואָלטער איז געווען א שמייכל אויפן פּנים פון דער פּראָגרעסיווער באוועגונג.

""

פון א בריוו פון יהודה מאלעק:

... פ'זיינען פארבונדן יאָרן פון צוזאמען אַרבעט, מוז מען געפונען א טרייסט וואָרט און א געוויסער מאָס א דאנקבארקייט - פאר די שיינע יאָרן פון אפאבלירן א שיינע משפחה, און פאר די פּאָציאלע דערגרייכונגען, וואָס איר האָט ביידע געבויעט.

לזכרון וואָלטער נעלסאָן דאָס זאַמלבוך לידער געווידמעט

פון מאַקסים בראָדין

וואַלטער נעלסאָן איז געווען א מיטגליד פון דעם אידישן פילהאַרמאָנישן פאָלקס-כאָר זינט 1929 ביז'ן לעצטן טאָג פון זיין לעבן: ווען ער איז אזוי פּלוצים אוועק אין דעראייביקייט: דורך דער צייט האָט ער קיין איינציג מאָל ניט פאַרפעלט א פּראָבע פון כאָר.

וואַלטער האָט פאַרמאָגט א קלאַנגפולן לירישן טענאָר און האָט אסך ביינגעשטייערט אלס זינגער אין דער טענאָר סעקציע פון זיין באַליבטן כאָר. ער איז געווען א אינטעליגענטער מענטש, פּראָגרעסיוו, און א וואַרעמער שטיצער פון דעם אידישן מוזיק-פאַרבאַנד.

וואַלטער האָט געזונגען מיט אונזערע פיינסטע דיריגענטן: יעקב שייפער, מעקס העלפמאַן, יהודה מאַלעק און מיט משה ראַוך און מיט פילע אנדערע.

ער איז אויך אויפגעטראָטן מיט געקליבענע לידער אויף די פּראָגראַמען פון די קולטור קלובן וואו זיין געזאַנג און דער אויסוואַל פון די לידער איז געווען שטאַרק אָפּגעשאַצט - בכלל האָט ער געהאַט א פיינע באַציאונג צום שיינעם אידישן וואָרט און צום פיינעם אידישן נוסח.

די לידער וואָס געפינען זיך אין דעם דאָזיגן בוך איז אויסגעקליבן געוואָרן פון מערי, די לעבנס באַגלייטערין פון וואַלטער. זי טוט אלדינג צו פאַראייביגן דעם נאָמען פון איר פּרי פאַרשטאָרבענעם מאַן און חבר, וואַלטער נעלסאָן.

דער אָפּקלייב פון די לידער זיינען צוגעגרייט געוואָרן פון מאַקסים בראָדין, לאַנג יאָריגער פריינט פון מערי און וואַלטער נעלסאָן.

צום אָנדענק,

O U R   F A T H E R

****

Our father was a very gentle man who touched the lives of a great many people; the people he worked with, the people he sang with,and most of all,the people he loved.

Childhood memories are filled with laughte and much singing. Daddy always encourged us to sing; in school, in the house,and especially on the long car trips to the country.

In many ways our father was a strict man -strict in his beliefs, his ideals and his and his commitment to total honesty. He and our mother gave us a good foundation from which to grow and learn.

Of course our last memories of our father are of him as a garand-father; probably his best role in life. He loved his grandchildre with a special awe. Our greatest sorrow is that he cannot see them grow up, and that they will not know a truly warm and wonderful man he was, but they will know how much he loved them.

Some people have fathers and others have daddies, our father was a daddy, and we miss him more with every passing day.

סאנדרא און פרענצים

מיין פריינט און חבר וואָלטער נעלסאָן

פון בען גאָלד -

נישטאָ מער וואָלטער נעלסאָן צווישן די לעבעדיקע. דאָס לעבן פון דעם פיינעם טענאָר-זינגער האָט דער טויט אכזריותדיק פארשניטן אין סאמע מיטן פון זיין בליענדיגן, נוצלעכן און ערלעך לעבן.

שטיל, אָן געפילדער אויף זיין באשיידענעם אופן האָט ער יאָרן לאנג געטריי מיט ליבשאפט געהאָלפן בויען און קרעפטיקן די פּראָגרעסיווע באוועגונג מיט געזאַנג אלס קאָנצערטיסט און אין דער טענאָר סעקציע פון דעם גרויסן אידישן פילהארמאָנישן כאָר וואו ער איז געווען אן אקטיווער מיטגליד פאר פילע יאָרן.

דער כאָר און זיין פאָרגעשריטענער געזאַנגס-רע-פּערטואר איז געווען גאָר א וויכטיקער טייל אין דעם לעבן פון וואָלטער נעלסאָן: דאָרט האָט ער צוזאמען מיט זיינע קאָלעגן זינגער אויסגעדריקט דורך דעם כאָראלן ליד פּראָטעסט קעגן דער סיסטעם פון עקס-פּלאָאטאציע און מיט באגייסטערונג געוועקט און גערופן דעם ארבעטער קלאס - "וויקלט פאנאנדער די פאָנען די רויטע"...

אין כאָר האָט וואָלטער מיט וויטיק געטרייסט און געמונטערט זיין גערוידעפּט און געפּייניקט פאָלק - "זאָג ניט קיינמאָל"...

זיין לעבנס-שותף מערי - אליין אן ענערגישע אקטיוויסטן און איינע פון די אנערקענטע און רעספּעקטירטע "רענק און פייל" פּראָגרעסיווע פירער אין דער פאָריערס יוניען האָט זי טיף אפּגעשאצט וואָלטערס מוזיקאלישע און וואָקאלע טעטיקייטן!

די פּראָגרעסיווע באוועגונג און דער אידישער פילהארמאָנישער פאָלקס כאָר האָבן פארלוירן אן איבערגעגעבענעם, אקטיוון, חשובן זינגער און קעמפער פאר אלץ וואָס איז שיין אין מענטשלעכן לעבן!

כבוד זיין אָנדענק!

ווערטער:
פאפערניקאָוו :

זאָל זיין



זאָל זיין אז איך בוי אין לופט מיינע שלעסער
זאָל זיין אז מיין גאָט איז אין ערגעץ ניטאָ.
אין טרוים איז מיר העלער אין טרוי איז מיר בעסער.
אין חלום דער הימל איז בלויער ווי בלוי.

זאָל זיין אז איך וועל מיין ציל נישט דערלאנגען
זאָל זיין אז מיין שיף וועט ניט קומען צום ברעג.
מיר גייט ניט אין דעם אז איך זאָל האָבן דערגאנגען,
מיר גייט אין דעם גאנג אויפן זוניקן וועג....



A GUTE NACHT (folksong)

Gelbart



Shainen shtern oifn himl,
Di l'vone leicht a pracht.
Himl shtern un l'vune
Vintchn unz a'gute nacht.
  Gute nacht (4)

Himl shtern,un levune,
Vos hot ir far unz gebracht
-Shtile ru un zisn chulom
Un a libe zise (gute nacht.
  Gute nacht (4)



C O N T E N T S

Main dor	3
Ergetz	4
D I nacht	5
Di nacht (words)	6
Zun in mayriv	7
A nigun vi du	8
Hei Tzigelech	9
Huliet vintn	I0
Oif dain fenster	II
Pesnia Yanko	I2
If I could be	I3
Drai gezangen	I4
Oifn hoichn barg	I5
Oifn hoichn "(words)	I6
Du fregst?	I7
Dos naye lid	I8
Eibig	I9
" (words)	20
Hof un gloib	2I
Nor broit mit tei?	22
Shnel loifn di reder	23
Moskver oventn	24
Ovnt lid	25
A hoicher boim	26
Words	27
Shirokaya strana	28(29)
Efnt tirn	30
Leyele	3I
Words	32
Lady & lamp	33
Goldene lichtlech	34
Shtiler don	35
Gezang	36
words	37
V'olai	38
Baim fenster	39
In der finster	40
Lo el sachar	4I
Noch nit oisgebrent	42
Main rue platz	43
A burveser yung	44
Layluh	45
Ich un di velt	46

Kachoil yam hamayim ------47
Un mir zainen -----------48
Ainzam -------------------49
Dana Dana ----------------50
Antoishte libe -----------51
Going home ---------------52
Vig lid ------------------53
Kirchn glokn -------------54
Es lebt zain gaist -------55
Briv ---------------------56

Tzum undenk (l'zikurn) ---57

Our Father ---------------58

Main fraint un chaver
Wolter Nelson--59

Zol zain -----------------60

A GUTE NACHT -------------61



וואַלטער נעלסאָן

ארויסגעגעבן פון מערי פליישמאן-נעלסאָן

קינדער און אייניקלעך

און פֿון בייאנקשאַפֿט וויי באַצוואונגען,
האָב איך ס'בילד דיינס לאַנג געהאַלטן
און אַ ניגון דיינס אַן אַלטן,
אין דער שטילקייט אויסגעזונגען.

צונויפגעשטעלט פון
מאקסים בראָדין

אַ קראַנץ לידער



אין ליכטיגן אָנדענק

פון

װאָלטער נעלסאָן

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05048

A KRANTS LIDER

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS